## A PASTEKHL , A TROYMER

Hot a pastekhl, a troymer,
Lib gehat tsum himl kukn.
Hobn zikh fun unter beymer
Velf genumen rukn.

Hobn shepselekh gebeket,
Hobn tsigelekh gemeket,
Un dem pastekh mitn shtekn,
Nisht gekont dervekn.

Ven dos pastekhl, der troymer
Hot tsum himl zikh farkukt
Hobn velf fun hinter baymer
Tsherede fartsukt

Hobn shepselekh gebeket,
Hobn tsigelekh gemeket,
Un dem pastekh mitn shtekn,
Nisht gekont dervekn.

Un ven dos pastekhl,
der troymer,
Hot aheym zikh shoyn geklibn,
Zaynen unter ale beymer
Beyndlekh bloyz geblibn.

Keyner hot shoyn nisht gebeket
Keyner hot shoyn nisht gemeket
Aza pastekh mit a shtekn
Meg die erd fardekn !

Par Zishe Vaynper

## אַ פּאַסטעכל אַ טרוימער

האָט אַ פּאַסטעכל, אַ טרוימער ,
ליב געהאַט צום הימל קוקן ,
האָבן זיך פֿון אונטער ביימער
וועלף גענומען רוקן.

האָבן שעפּסעלעך געבעקעט ,
האָבן ציגעלעך געמעקעט ,
און דעם פּאַסטעך מיטן שטעקן,
נישט געקאָנט דערוועקן.

ווען דאָס פּאַסטעכל, דער טרוימער ,
האָט צום הימל זיך פֿאַרקוקט ,
האָבן וועלף פֿון הינטער ביימער ,
טשערעדע פֿאַרצוקט .

האָבן שעפּסעלעך געבעקעט ,
האָבן ציגעלעך געמעקעט ,
און דעם פּאַסטעך מיטן שטעקן ,
נישט געקאָנט דערוועקן.

און ווען דאָס פּאַסטעכל,
דער טרוימער ,
האָט אַהיים זיך שוין געקליבן ,
זײַנען אונטער אַלע ביימער ,
ביינדלעך בלויז געבליבן.

קיינער האָט שוין נישט געבעקעט ,
קיינער האָט שוין נישט געמעקעט ,
אַזאַ פּאַסטעך מיט אַ שטעקן ,
מעג די ערד פֿאַרדעקן !

זישע ווײַנפּער